דב סדן

# עפּעס וועגן יחוס

## באַמערקן צו דער מסורה פון טייטש

א

צו די פונקציעס פון דער טייטש־מסורה געהערט נישט בלויז אָפּהיטן דאָס פאַרשטאַנדעניש פון פּירוש־המילות און פון פּירוש־העניין, ווי זיי האָבן זיך אויסגעבילדט און פאַרהיט, אין די מקורות אונדזערע, במשך לאַנגע דורות, אָנגעהויבן פון חז״ל און פאַרענדיקט מיט די לעצטע מפרשים; עס געהער דערצו אויך די אָפּווער לגבי די פּירושים, וואָס האָבן זיך דער מסורה קעגנגעשטעלט און זי נעגירט. אַהער געהערט, פאַרשטייט זיך, דער קריסטאָלאָגישער אויסטייטש פון פּסוקים, ווי אַ טייל פון דער פּרשנישער סטראַטעגיע, לויט וועלכער דער תנ״ך איז נישט מער ווי אַ צוגרייט, און דאָס ביז קליינע און קלענערע פּרטים, צו דער עוואַנגעליע. דאָס האָט, כידוע, אויסגעצייטיקט אַ גרויסע וויכוח־ליטעראַטור, בעיקר אין צייטן און ערטער, ווו די קאַטוילישע קערך איז, בכוח אירע גלחים און מאָנאַכן, געווען אַ ברוטאַל הערשנדיקע מאַכט, וואָס האָט די פון איר באַהערשטע יידן אַזעלכע וויכוחים אויפגעצוווּנגען, און זיי, די יידן, האָבן געמוזט פאַרמאָגן סיי אַ סך כוח און מוט, סיי אַ סך געדולד און טאַקט, פון זייער אמת און אמונה נישט אָפּצוטרעטן, בפרט ווען צווישן די אויפצווינגערס זענען געווען משומדים, סיי לתיאבון סיי להכעיס, און האָבן נאָך דאָס פייער אונטערגעהידעט.

ב

דער צוגרייט צו אַזאַ אָפּווער איז געווען אַ פיל־פּנימדיקער, און איינס פון זיינע דרכים איז אויך געווען די טייטש־מסורה, און מיר ווילן איצט ברענגען בלויז איין דוגמה — דאָס צווייטע קאַפּיטל תהילים, ווו דער וויכוח האָט זיך געדרייט אַרום צוויי פּסוקים: שטאַרקער אַרום פּסוק, ווי כביכול זאָגט: ״בני אתה אני היום ילדתיך״, וואָס זאָל ווערטלעך מיינען: מיין זון ביסטו, איך האָב דיך היינט געבוירן; שוואַכער אַרום פּסוק ״נשקו בר פן יאנף״, וואָס זאָל ווערטלעך מיינען: קושטס [דעם] זון, טאָמער וועט ער צערנען. פאַר דער קריסטאָלאָגישער ליטעראַטור זענען דאָס געווען צוויי ווילדע מציאות, וואָס זי האָט זיי טאַקע היפּש אויסגענוצט, און אונדזער טייטש מסורה האָט זיך קעגן דעם געווערט.

וואָס שייך דעם ערשטן פּסוק, וואָס קלינגט: ״אספרה אל חוק ד׳ אמר אלי, בני אתה אני היום ילדתיך״ — האָבן מיר דאָך געהאַט פאַר זיך די גמרא (סוכה נ״ב ע״א), ווו כביכול טרייסט, מיט דעם דאָזיקן צוזאָג, משיח בן־דויד, נאָך דעם ווי משיח בן־יוסף איז דערהרגעט געוואָרן, פּונקט ווי מיר האָבן פאַר זיך דעם תרגום, וואָס טייטשט דעם זאָג ווי אַ פאַרגלייך: דו ביסט מיר ליב אַזוי־ווי אַ זון איז ליב זיין טאַטן; און פון די אויטאָריטאַטיווע מפרשים רש״י, וואָס רופט דאָס פאָלק ישראל כביכולס זון, ווי עס הייסט: בני בכורי ישראל (שמות ד׳, כ״ב), טייטש: מיין זון מיין ערשט־געבוירענער ישראל, און דאָס זענען דאָך משה רבנוס ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט פריער אין גאָטס נאָמען. ענלעך ר׳ **אברהם אבן־עזרא**, וואָס פאַרטייטשט: ״אני היום ילדתיך״, אין זינען פון פּסוק: ״צור ילדך תשי״ (דברים ל״ב, י״ח) טייטש: דעם פעלדז [גאָט] וואָס האָט דיך געבוירן טוסטו פאַרגעסן, כדי אויסצובולטן, ווי ווייט בני מיינט: מיין אויסדערוויילטן, און ווי ווייט ילדתיך מיינט: איך האָב דיך געשאַפן.

בעצם איז עס נישט ווייט פון דעם באַנעם פון מאָדערנע ביבל־קריטיקער וועגן דעם אַלטן פּראָבלעם פון דער געשטאַלט פון ישראל־קיניג, לויט די קיניג־קאַפּיטלעך פון ספר תהלים — זע, אַ שטייגער דעם מאמר פון ג. קוק (רעצענזירט אין ״בית המקרא״, אב תשכ״ב), וואָס ווייזט אָן, אַז די קאַפּיטלעך, וואָס שרייבן דעם קיניג צו אַ געטלעכן כאַראַקטער; מחמת דעם פאָטערלעכן באַצי צווישן גאָט און קיניג, און זענען מכוון נישט צו אַן אידעאַלן הערשער אָדער צו משיח, נאָר צו אַ קיניג ממש, וואָס ווערט באַטראַכט ווי גאָטס זון, נישט אין געוויינטלעכן באַטייט, ווי עס האָט אים די מיטאָלאָגיע פון די אַלטע אָריענטאַלישע לענדער.

ג

אָבער צוריק צום וויכוח — אוודאי האָט די וולגאַטאַ אַ ווערטערלעכן איבערזעץ פון אונדזער פּסוק. ווייסט זי דאָך, אַז די עוואַנגעליע ציטירט אים ווי אַ ראיה, אַז ישו איז כביכולס זון ממש (די אַפּאָסטאָלן י״ג ל״ג; בריוו צו די העברייער א׳ ל״ה; ה׳ ה׳—ו׳), און זע די תשובה פון רב יוסף המקנא, וואָס ענטפערט אויף די קריסטאָלאָגישע טענות, וועלכע שטיצן זיך אויף די דערמאָנטע צוויי פּסוקים (אויסגאַב יהודה ראָזענטאַל תש״ל, ז. 100) וואָס שייך דעם וואָרט: ילדתיך, משמע: איך האָב דיך געבוירן, איז די טייטש: גידלתיך, משמע: איך האָב דיך געגרויסט, משמע: דערצויגן. און ניקאָלאַס דע־לירא האָט זיך אויף דעם פּירוש פאַררופן. אגב, ווי ווייט דער פּירוש גייט אָן ביי געלערנטע קריסטן, לאָזט זיך, דרך משל, אָפּלערנען פון אַ בריוו פון יאָהאַנעס דרוזיוס צו טאָמאַס באָדליי (בערך 1600) וואָס לייב פּוקס האָט אים פּובליקירט (״סטודיאַ ראַזענטאַליאַנאַ״, 1969) — דאָרט הייסט עס אין העברעישן טעקסט: ״אדוני אשר אהבה נפשי כאהבת הבן את **אביו** אשר ילדהו וגידלו מנעוריו״, און פּונקט אַזוי אין לאַטייניש נוסח: טייטש: מיין האַר, וואָס מיין זעל [=איך] האָב ליב, ווי עס האָט ליב אַ זון זיין פאָטער, וואָס האָט אים געבוירן און דערצויגן פון זיין יוגנט אויף. דעם דרך געפינען מיר אין עצם איבערזעץ פון תהלים — דער גרויסער פּוילישער דיכטער יאַן קאָכאַנאָווסקי האָט אַרויסגעגעבן אַ געגראַמטן תהלים (1578), וואָס איז נאָכגעגאַנגען די לאַטייניש נוסחאות פון עאָבאַן העס און זשאַרזש ביוקענען און ער פאַרפּוילישט אונדזער שטעל אויף אַן אופן, וואָס וואָלט יידיש אַזוי געקלינגען: איך בין, מיין גאָט, יענער קיניג וואָס איז דיר אַזוי געפעלן; דורך מיר וועט די וועלט וויסן דיינע גזרות [=משפּטים] ווייל דו האָסט מיר הויך געזאָגט: דו ביסט מיין זון, איך האָב דיך היינט מיר געמשרט (אויסגאַב פון אַלע זיינע פּוילישע ווערק, פון יאַן לאָרענטאָוויטש, פאַרגליכן מיט דער אויסגאַב פון יוליאַן קזשיזשאַנאָווסקי 1953, באַנד 2, ז״ז 3—4, ענלעך 1967, באַנד 1, ז. 323) הייסט עס: ילדתיך — איך האָב דיך געבוירן, פאַרשטייט ער ווי: ריביתיך — איך האָב דיך פאַרמערט, גרויסגעצויגן, מגדל געווען, אין דעם דאָזיקן, אָדער ענלעכן, ווערב באַנוצט ער אויך אין אַנדערע תהלים־שטעלן, אַ זאַך וואָס פאַרדינט — אַ באַזונדערן באַהאַנדל.

ד

אָבער אונדז אינטערעסירט באַזונדערס דער דרך פון יידיש־טייטש — דער עלצטער גלאָסאַר (כתב יד רייכלין, 8): ״ל׳ [=לשון] אמר אֵלי — ער זייטאַ [=זאָגט] אוף מיך, לשון אמר עלי; ילדתיך, איך הון גמכט [=געמאַכט] גוו׳ינן [=געווינען] דיך, ל׳ [=לשון] צור ילדך תשי״. אָבער ר׳ משה שרטילש, בעל באר־משה (פּראָג, שס״ה): ״אני היום ילדתיך — איך הייט [=היינט] האָב טון אידלן [=איידעלן] דיך צום מלכות״. אַזוי זעט בעצם, אויס דער אויפטאַקט פון דער טייטש־מסורה — מאַקס גרינבאַום אין זיין באַקאַנטן געזעמל ״יידיש דייטשע כרעסטאָמאַטיע״ (1882) לוסטרירט דעם סדר פון דעם פאַרטייטש (ז״ז 145—146), און ווייזט אָן אַז קאַספּאַר אַממאַן אין זיין דייטשישן ביבל־איבערזעץ (1523) האָט זיך באַנוצט מיט יידישע מפרשים, שרייבנדיק (מיר ברענגען די ציטאַטעס מיט יידישע אותיות און אין אַ פּראַקטיקטן אויסלייג): ״איך האָב הויט געאַדלט דיך״ און ווייכט ממילא אָפּ פון דער סעפּטואַגינטאַ און וווּלגאַטאַ. ווייטער ר׳ **אליהו בחור** האָט: ״האָב געעדעלט דיך״; **ר׳ אַנשל** אין ״מירכבת המישנה״: ״היינט האָב איך דיך געאַדלט״; יוסף וויצנהויזן מיידט אויס דעם ווערב און שרייבט: ״איך האָב דיך צו איין מלך געמאַכט״. גרינבאַום באַמערקט נאָך (דאָרט ז. 324) ר׳ יחיאל עפּשטיין: ״איך האָב דיך געאיטלט [=געאיידלט] צו מיר״.

דער לייסטער לאָזט זיך נאָך קאָמפּלעטירן, אַ שטייגער, דורכן געזעמל פון וו. שטערק און א. ליטצמאַן: ״די יידיש־דויטשען ביבעל־איבערזעטצונגען״ (1923): אַזוי אין אַ דריי־שפּראַכיקן גלאָסאַר פון 13טן יאָרהונדערט: ״ איך האָן געשאַפאַן דיך״ (ער גייט דאָ נאָך תירגום יונתן, וואָס האָט פאַר ילדתיך — בריתך); אָבער אין אַן עפּעס שפּעטערן צוויי־שפּראַכיקן גלאָסאַר: ״איך האָב געעדילט דיך״; רייכלין 13: ״איך האָן היט [=היינט] געעדלט דיך״; קאָדעקס האַמבורג 35: ״איך היט [=היינט] איך האָן געעדלט דיך״. נחמה לייבאָוויטש שטעלט זיך דאַרויף אָפּ אין איר בוך ״די איבערזעטצונגסטעכניק דער יידיש־דויטשען ביבעל־איבערזעטצונגען דעס 15טן אונד 16טן יאַרהונדערטס״ (1931), — כאָטש איר אַרבעט פאַרנעמט זיך נישט מיט פּרשנות, ברענגט זי אַ פּרט וואָס באַווייזט קלאָר, ווי די דייטשישע איבערזעצער זענען בפירוש נאָכגעגאַנגען דער יידישער מסורה. און עס האַנדלט זיך טאַקע וועגן איבערזעץ פון: **אני היום ילדתיך**, וואָס דער דערמאָנטער אויגוסטינער פּראָווינציאַל אַממאַן זעצט איבער: איך האָבע דיך געאַדעלט, און אויף דער קשיא פון ווילהעלם וואַלטער, אין זיין בוך וועגן די ערשטע קאָנקורענטן פון ביבל־איבערזעצער לוטער (1917), ווי אַרום קומט אַממאַן צו אַזאַ נוסח ענטפערט נחמה לייבאָוויטש, אַז דער מקור דערצו איז מסתמא ר׳ יום־טוב ליפּמאַן מילהויזן, וואָס שרייבט אין זיין פּאָלעמישן ״ספר הנצחון״, אַז ילדתיך מיינט נישט לשון לידה, געבורט, נאָר לשון ייחוס, ווייל ער איז זיך מתייחס צום מלכות, און עס גייט לויטן פּסוק: ויתילדו

יאַן - פֿעברואַר 1981

# יידיש לשון און יידישע פּרעסע גייען ווייטער אָן

**משה רון**

פאַר אַ יידישן זשורנאַליסט וואָס האָט לאַנגע יאָרן געאַרבעט אין אַ יידישער טאָג־צייטונג, "היינט" אין וואַרשע, וואָס איז געבוירן און אויסגעוואַקסן אין יידיש לשון, וואָס איז אַזוי געפּלעגט געוואָרן דורך די ברייטע יידישע מאַסן, איז געווען שווער צו לייענען דעם "קדיש" נאָך דער יידישער פּרעסע, וואָס עס האָט אָנגעשריבן דער יידישער זשורנאַליסט שמואל גאָלדשמידט, וואָס האָט אַליין אויך אָנגעהויבן פאַר דער מלחמה אין דער יידישער צייטונג "יידישע שטימע" אין ליטע.

פון דער אַמאָליקער גרויסער פּרעסע אין יידיש אין די פאַרשידענע לענדער אין אייראָפּע — פּוילן, ליטע, לאַטוויע, פראַנקרייך, בעלגיע — אַ פּרעסע וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן צוזאַמען מיטן אייראָפּעישן יידנטום, איז טאַקע געבליבן בלויז אַ קליינער טייל אפילו אין די לענדער ווו היטלערס רוצחים האָבן נישט אַריינגעדרונגען. די עטלעכע יידישע טאָג־צייטונגען, וואָכן־זשורנאַלן און מאָנאַטלעכע שריפטן, וועלכע זענען היינט־צו־טאָג געבליבן אין פאַרשידענע לענדער, עקזיסטירן און קעמפן מיט אַלע מיטלען אויפצוהאַלטן דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט. זיי ווענדן דערביי אָן כוחות און מי נישט צו לאָזן אונטערגיין דעם יידישן לשון. אָט די יידישע פּרעסע איז ביים היינטיקן טאָג די הויפּט־קוועלע וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס יידישע לעבן, די יידישע קולטור אין יעדן יידישן קיבוץ, ווו אַזאַ יידישע צייטונג דערשיינט, פאַרצוזעצן די טראַדיציע פון דער אַמאָליקער פּרעכטיקער יידישער פּרעסע. גענוג צו דערמאָנען בלויז עטלעכע פון זיי: די טאָג־צייטונגען: "פאָרווערטס" (ניו־יאָרק), "די פּרעסע" (בוענאָס איירעס), "אונדזער וואָרט" (פּאַריז), "לעצטע נייעס" (תּל־אביב) און די וואָכן־צייטונגען: "דער אַלגעמיינער זשורנאַל", "יידישער קעמפער" (ניו־יאָרק), "אונדזער וועג" (פּאַריז), "אויסטראַלישע נייעס" (אויסטראַליע), "דער וועג" און "די יידישע שטימע" אין מעקסיקאָ, "אַפריקאַנער יידישע צייטונג" אין יאָהאַנעסבורג, "די פּרעסע—דער מאָמענט" אין בראַזיל, "קאַנאַדער אַדלער" אין מאָנטרעאַל, "יידישע צייטונג" אין טשילע, "פאָלקס־שטימע" אין פּוילן, "רעוויסטאַ קולטולואַי" אין רומעניע (רומעניש, העברעיש און יידיש), "יידישע צייטונג" אין תּל־אביב, און די אַנדערע צייטונגען וואָס דערשיינען עטלעכע מאָל אין דער וואָך אין יידיש ווי: "פרייהייט" (ניו־יאָרק), "נייע פּרעסע" (פּאַריז), ווי אויך מאָנאַטלעכע זשורנאַלן: "לעבנס־פראַגן" (תּל־אביב), "אונדזער שטימע" (פּאַריז), "אונדזער צייט" (אַמעריקע), "אונדזער געדאַנק" (אויסטראַליע), "פאָראויס" אין מעקסיקאָ, "פאָלקסבלאַט" (ישראל), "ישראל שטימע" (2 מאָל אַ חודש, אין ישראל) און פאַרשידענע אַנדערע שריפטן און ביולעטינען וואָס דערשיינען אין די יידישע קיבוצים, דאָס אַלץ אַדאַנק יידישע קולטור־טוער און פּען־מענטשן וואָס לייגן צו אַ האַנט און היטן אָפּ די מעכטיקע ירושה פון דער יידישער שפּראַך.

אַזוי פּרעסע און אַזוי אויך — ראַדיאָ. דאַרף מען באַזונדערס באַצייכענען די וויכטיקע אויפגאַבע וואָס עס דערפילן די יידישע ראַדיאָ־סטאַציעס אין פאַרשידענע לענדער. צענדליקער טויזנטער יידן הערן מיט גרויס אינטערעס און קוויקן זיך פון די יידישע ראַדיאָ־סטאַציעס. ס'איז גענוג צו דערמאָנען די יידישע ראַדיאָ־סטאַציע אין ניו־יאָרק. ס'וועט נישט זיין איבערגעטריבן ווען איך וועל שרייבן אַז צענטליקער טויזנטער יידן אין אַמעריקע הערן זיך צו צו דער דאָזיקער יידישער ראַדיאָ־סטאַציע.

וועגן דעם אַלעם גלויב איך, ווייסט אָדער דאַרף וויסן אַזאַ זשורנאַליסט ווי ישראל גאָלדשמידט. דאָך האָט ער געוואָגט צו שרייבן, און דווקא אין אַ יידיש־ענגלישער צייטונג, "דזשואיש קראָניקל" אין לאָנדאָן, אַז מען דאַרף מאַכן אַ בכבודיקע לוויה דער יידישער שפּראַך, אַן אַרטיקל מיט אַביסל שאָדן־פרייד אָבער מיט אַ סך עם־הארצות. דאָס קלינגט מאָדנע און פאַרדריסלעך דווקא ווען עס איז פאַראַן אַן אָנשטרענג צו אויפלעבונג, ווי למשל דער פאַקט וואָס די יידישע טעאַטערס שפּילן איצט אין אַמעריקע מיט גרויס דערפאָלג. יונגע יידישע אַרטיסטן, וואָס האָבן געשפּילט אין ענגליש זענען איבערגעגאַנגען אויף יידיש און שפּילן טעאַטער אויף יידיש.

אין ישראל זענען פאַראַן עטלעכע יידישע טעאַטערס און שפּילן כמעט אַ גאַנץ יאָר און טויזנטער יידן קומען הערן אַ יידיש וואָרט. אין נאָוועמבער האָט אין ישראל געוויילט די באַרימטע מאָלי פּיקאָן. די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן איינגעאָרדנט דריי ריזיקע קאָנצערטן אין "היכל התרבות אין תּל־אביב, אַ זאַל ווו עס גייען אַריין ביי 3000 מענטשן, אין ירושלים און אין חיפה — אויך אין ריזיקע זאַלן און ממש הונדערטער זענען אַוועק פון די געפּאַקטע זאַלן. די איינטריט־קאַרטן זענען שנעל צעכאַפּט געוואָרן און מען האָט געמוזט איינאָרדענען נאָך צוגאָב־פאָרשטעלונג אין תּל־אביב.

דאָס העברעישע מלוכה־טעאַטער "הבימה" האָט צוגעגרייט אַ יידישע פאָרשטעלונג אין יידיש, "די קליינע מענטשעלעך" מיט די דריי שמואליקס (שמואל רודענסקי, שמואל עצמון און שמואל סעגאַל). זיי זענען אַרויסגעפאָרן קיין אייראָפּע אויף אייניקע פאָרשטעלונגען און געמוזט פּראָלאָנגירן אין יעדער שטאָט, ווו זיי זענען אויפגעטרעטן און געבן נאָך פאָרשטעלונגען צוליבן גרויסן דערפאָלג וואָס זיי האָבן געהאַט.

און צי ווייסט דער "קדיש־זאָגער" אַז אין פאַרשידענע ערטער אין ישראל קומען פאָר צענטליקער קולטורעלע יידישע אונטערנעמונגען און טויזנטער יידן קומען הערן אַ יידיש וואָרט? האָט ה' גאָלדשמידט שוין באַזוכט אַ פּראָסטן מאָנטיק אָוונט אָדער אַ שבת־אָוונט דעם "לייוויק־הויז" אין תּל־אביב ווו הונדערטער יידן קומען הערן אַ יידיש וואָרט?

דאָ נישט לאַנג האָט דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון "פאָרווערטס" שמעון וועבער דערציילט פאַר דער פּרעסע אין ישראל וועגן קאַטעדרעס פאַר יידיש אין 40 אוניווערזיטעטן אין אַמעריקע.

צי האָט דער "קדיש־זאָגער" זיך אַמאָל פאַראינטערעסירט און געפרעגט אין דער פּרץ־ביבליאָטעק תּל־אביב וויפיל ביכער מען פאַרקויפט יעדן חודש. אָט האָט מיר דערציילט ה' גרין, אַז בלויז אין דער פּרץ־ביבליאָטעק ווערט פאַרקויפט פאַר ישראל און פאַר אויסלאַנד ביי 770 ביכער יעדן חודש. שוין נישט רעדנדיק וועגן "חודש־בוך פאַר יידיש" אין ישראל, וואָס ס'האָט איינגעאָרדנט דער יידיש־קאָמיטעט און ס'זענען פאַרקויפט געוואָרן בלויז אין תּל־אביב ביי 1000 ביכער אין איין טאָג.

אָבער דער דאָזיקער יידישער זשורנאַליסט וועמען ס'גייט אין לעבן צו זאָגן קדיש, האָט שוין פון לאַנג אַן "אַלערגיע" אויף יידיש און אויף יידישע שרייבער.

איך געדענק מיט 3 יאָר צוריק, בעת ס'איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין ישראל, איינגעאָרדנט דורכן וועלט־פאַרבאַנד פון יידישע שרייבער מיטן אָנטייל פון איבער 100 יידישע זשורנאַליסטן פון 15 לענדער, איז ער אַרויס אין דער צייטונג "הארץ" מיט אַ מיאוסן פּאַמפּלעט אויפן וועלט־פאַרבאַנד, און באַליידיקט אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ און די רעגירונגס־באַאַמטע וואָס האָבן געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם צוזאַמענפאָר. דער פאָרזיצער פון וועלט־פאַרבאַנד מיכאל אסף האָט אים דעמאָלט געגעבן אַ געהעריקן ענטפער און ער איז געוואָרן שטיל אַ צייט — ביז צו דעם לעצטן "קדיש"...

ש. גאָלדשמידט איז די טעג געקומען אין זשורנאַליסטן־הויז אין תּל־אביב (בית סוקולוב) האָט מען אים באַגעגנט מיט שפּאָט און בייסיקער קריטיק...

---

## ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־פּראָגראַמען פאַר אויסלאַנד

די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע און די יידישע אַגענץ גיבן אויס איבער 2.5 מיליאָן דאָלער אויף טראַנסמיסיעס אויף קורצע וועלן פון ישראל קיין חוץ־לארץ, אין ראָם פון ישראלדיקן ראַדיאָ־דינסט. — וועגן דעם האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט אויף אַ זיצונג פון דער עקזעקוטיווע דער ראש פון דער הסברה־אָפּטיילונג אלי אייל. ער האָט דערביי אינפאָרמירט אַז די הסברה־אָפּטיילונג אַרבעט איצט אויס אַ טראַנסמיטיר־פּראָגראַם מיט אַ מאַפּע פון שפּראַכן און אַ מאַפּע פון לענדער וואָס וועט דערלאַנגט ווערן דעם ישראלדיקן טראַנסמיטיר־דינסט כדי אַרויסצובאַקומען מאַקסימאַלן ניצן פון די אוידיציעס פאַר אויסלאַנד. "די דאָזיקע אוידיציעס זענען באַשטימט פאַרן יידישן פאָלק אין די תפוצות און זייער ציל איז צו זיין אַ מקור פאַר אינפאָרמאַציע, נאַציאָנאַלן שטאָלץ און אַ דערציערישער פאַקטאָר פאַר יידישע צוהערער" — האָט דערקלערט אלי אייל באַטאָנענדיק, אַז די אויסלאַנד־אוידיציעס ווערן געגעבן אין ראָם פון געזעץ וועגן ראַדיאָ־טעלעוויזיע און קומען פאָר ביי אַ פולער מיטאַרבעט מיט דער דאָזיקער אינסטאַנץ.

אויף דער זיצונג איז אויך באַהאַנדלט געוואָרן אַ פאָרשלאָג וועגן דער סטרוקטור פון די אוידיציעס וואָס זאָלן איינשליסן אַן ערך 50 פּראָצענט אַלגעמיינע נייעס און 25 פּראָצענט נייעס וועגן ישראל און דעם ראַיאָן, דערפון 10% קאָמענטאַרן און אַן ערך 25% פאַר דערציערישע ווערטן. די הסברה־אָפּטיילונג האָט לעצטנס דורכגעפירט אַנקעטעס וועגן דער צוהערערשאַפט מיטן ציל צו קאָנטראָלירן אַ מעגלעכקייט צו ענדערן אַ טייל פון די נאַכט־אוידיציעס פאַר אַמעריקע און זיי פאַרוואַנדלען אין לאָקאַלע ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־פּראָגראַמען. אויך איז באַהאַנדלט געוואָרן דער פאָרשלאָג וועגן איינפירן רעקלאַמע אין די אויסלאַנד־אוידיציעס, כדי צו דעקן אַ טייל פון די קאָסטן.

עקיבא לעווינסקי האָט פאַרלאַנגט פון די צייטונגען אין אויסלאַנד, וואָס באַקומען סובסידיעס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זיי זאָלן פאַרעפנטלעכן סטאַביל די ראַדיאָ־פּראָגראַמען פון די אויסלאַנד־אוידיציעס.

על משפחותם (במדבר א׳), וואָס דער תרגום, סיי אונקלוס סיי יונתן גיט איבער: ״ואתיחסו על זרעיתהון״, משמע זיי זענען זיך מתייחס צו זייערע אָפּשטאַמיקע.

צו דער אידענטישקייט פון תולדות און ייחוס, אין באַטייט פון אָפּשטאַם, זע, אַ שטייגער: ״שאל שאל האיש לנו ולמולדתנו״ (בראשית מ״ו, ט״ז) וואָס מיינט: דער מאַן האָט געפרעגט וועגן אונדז און אונדזער אָפּשטאַם [=משפחה]. דערפאַר האָט תירגום ירושלמי: ״לנו ולייחוסנו״, משמע: וועגן אונדז און אונדזער ייחוס. אַ פּיקאַנטע דוגמה, וויביידע ווערטער טיילן זיך אויף, לאָזט זיך באַמערקן אין די מיסיאָנערישע איבערזעצן פון דער עוואַנגעליע — בשעת סאַלקינזאָן־גינצבורג אָדער דעליטש אין זייער העברעישן נוסח האָבן: זה ספר תולדות המשיח ישוע, האָבן די אַנאָנימען און אַנדערע ביז חיים אײַנשפּרוך אין יידיש־נוסח: דאָס ספר פון דעם ייחוס פון ישוע המשיח, און האָבן נישט געשפּירט, אַז זיי פאַרשטעלן דעם וועג צו אַ קריסטאַלאָגישן אויסטייטש.

ה

און דאָ קומען מיר צו צוויי קשיות — איינע אַן עלטערע, אַ שפּראַכלעך־גראַמאַטיקאַלישע, איינע אַ ייִנגערע, אַ געזעלשאַפטלעך־שטאַנדישע. צו דער עלטערער קשיא — דער בנין קל פון ווערב ילד, אין זינען פון געבערן, אויסטראָגן און האָבן, איז חל אויף אַ נקבה, וואָס איז אַ יולדת, און איז נישט חל אויף אַ זכר, וואָס איז אַ מוליד, און אויך דעם אַרגומענט האָט מען אַרויסגערוקט — אויך מצד דעם בעל ספר הנצחון — קעגן קריסטאַלאָגישן אויסטייטש פון אונדזער פּסוק. אמת דער בנין קל ילד שטאָט דעם בנין הפעיל הוליד ווערט צומאָל, כאָטש זעלטן, באַנוצט לגבי די ערשטע דורות און פעלקער, און ר׳ יוסף הכספּי טייטשט: ומצרים ילד את לודים — וכנען ילד את צידון״ (בראשית י׳ י״ג—ט״ו) גלייך אַז וואָלט געווען: ומצרים הוליד — וכנען הוליד, און דערמאַנט דעם פּסוק: יולד כסיל לתוגה לו ולא ישמח אבי נבל״ (משלי י״ז כ״א), טייטש: עס געבערט אַ נאַר צו זיין טרויער און עס פרייט זיך נישט דער פאָטער פון הולטאַי, גלייך עס וואָלט געשטאַנען: מוליד (״עשרה כלי כסף״, אויסגאַב יצחק לאַסט, תרס״ג, ח״א, ז. 62). און באמת איז דאָך דער באַנוץ מיט ילד שטאָט הוליד אַ מין בטל בששים און אין דורותדיקן שפּראַכבאַניץ איז אַזאַ פאַרבייט נישט שכיח, כיבאַ ער וויל אונטערשטרייכן אַ משונהדיקן קוריאָזן פאַל אָדער באַנעם — זע, אַ שטייגער חיה שנהב: ״גבר יולד ומתוך שנת היפנוזה אָאַ אהבתו הבוגדה, גברים יולדים — הכל משחק / — אדם שיודע את אשתו, ואשתו שאינה יודעאַ אואַו, רק יולדת, ובעצב את בנה —״ (״הארץ״, ט׳ תמוז תשל״א), טייטש: אַ מאַן וואָס געבערט און פון היפּנאָטישן שלאָף זיין פאַרראַטערישע ליבע, מענער געבערן — אַלץ אַ שפּיל; אַ מענטש וואָס דערקענט זיין ווייב, און זיין ווייב וואָס דערקענט אים נישט, נאָר זי געבערט, און מיט טרויער איר זון.

אָבער צוריק צום ענין: ויתילדו — ואתיחסין, כדי צו ברענגען אַ משל, ווי ווייט דאָס איז אַריינגעדרונגען — ר׳ יהודה לייב וויטקאָווסקי לאָזט דער שטן אַזוי זאָגן: ״ואז בנצחון וגבורה אלך / אשר עדן במעשה כזו לא יכולים להתיחס״ און אין זיין אייגענעם דייטשישן נוסח: ״דאַן געהע איך טריומפירענד אונטער דען שאַרען איינהער / דיא זיך נאָך מיט זאָלכער טהאַט ניכט אַדעלן קענען״ (״שירי נעימות״, תקע״ז). ווי מיר זעען זענען ביי אים ייחוס און אַדעל אידענטיש, ווי עס איז טאַקע אין שפּראַךבאַניץ סיי בכתב סיי בעל פּה.

ו

און דאָ קומען מיר צו דער צווייטער, ייִנגערע קשיא — דער געזעלשאַפטלעך־שטאַנדישער, קלאָרער געזאָגט: דער מליכיש־פעוודאַלער, ווו אַזאַ אידענטיטעט האָט זיך זייער באַשטאַרקט און געקריגן אויך אַ יידישן באַטאָן, דען דער שורש יחש, געפינט זיך אין תנ״ך, בלויז ווי אַ ווערב, און דאָס בלויז אין בנין התפעל, משמע: התיחש אין גענעאַלאָגישן באַטייט. אַנדערע בנינים, ווי אַ שטייגער, בנין פּעיל: ייחס, משמע: מייחס זיין, ווי אויך אַ סובסטאַנטיוו, ווי אַ שטייגער: מגילת יוחסין, געפינען זיך ערשט אין דער גמרא, און נאָך שפּעטער האָבן זיך אויסגעפורעמט אַנדערע בנינים פון ווערבן און אויך סובסטאַנטיוון, וואָס זייער בשותפותדיקער באַטייט איז רעלאַציע — באַציען, צושרייבן, צואייגענען, אפילו אָנהענגען, אָנטשעפּען. בעיקר איז בולט די אידענטישקייט צווישן תולדות און ייחוס, וואָס איז גרונטיק נייטראַל, און איז חל אויך אויף כלערליי אָפּשטאַם, הויכן און נידעריקן, אָבער ייחוס, וואָס איז אַריין אין יידיש (דאָ די יו״ד מיט אַ חיריק און נישט מיט אַ צירה), אָבער אין זינען פון הויכן אָפּשטאַם, און כאָטש די מגילת־יוחסין האָט באַטראָפן די משפּחות, וואָס זענען געווען פּסול צו דער כהונה. אַזאַ אויפגעבן די נייטראַליטעט פון אַ וואָרט איז שכיח — ווער ווייסט דאָס נישט, אַז דאָס וואָרט מזל [גרונטיק אַ שטערן, וואָס באַשטימט דעם גורל] איז אָפן לטובה און לרעה, אָבער אין געוויינטלעכן באַניץ מיינט עס לטובה; פאַרקערט, דאָס וואָרט סם קען זיין אַ סם־החיים און אַ סם המות, אָבער אין געוויינטלעכן באַניץ, איז עס בלויז לרעה, פּונקט ווי דאָס וואָרט גיפט, וואָס מיינט גרונטיק מתנה, גאָב (און האָט זיך דייטשיש נאָר דערהאַלטן אין וואָרט Mitgift, אין באַטייט פון נדן) און דער געוויינטלעכער באַניץ איז בלויז לרעה. וואָס שייך ייחוס, אין זינען פון געהויבענעם אָפּשטאַם, דאַרף מען געדענקען, אַז generosus וואָס מיינט אַ וווּיל־געבוירענעם, איז דער טיטל פון אַ אַדעליקן, און אויב זיך באַשרענקען אין פּוילן, דאַרף מען געדענקען, אַז דער געוויינטלעכער טיטל פון דער פּוילישער שלאַכטע איז געווען urodzony, וואָס מיינט: אַ געבוירענער; די סענאַטאָרן האָבן געהאַט דעם טיטל wielmożny, ווי אַן איבערזעץ פון magnifici, ערשט נאָכן אונטערגאַנג פון דער אַלטער פּוילישער רעפּובליק האָט מען אַ יעדן urodzony אָנגערופן wielmożny. אגב ווי אַ רעליקט פון דער פעוודאַלער תקופה — האָבן זיך, אין דער בערגערלעכער (בורזשואַזער) תקופה, דערהאַלטן דער כלל־טיטל wohlgeboren און אויך hochwohlgeboren וואָס אויך מיר יידן, האָבן, בעיקר ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי אויך שפּעטער, באַנוצט לגבי יעדן אַדרעסאַט, און ער האָט באַשיינט יעדן בריוו־אַדרעס. דער ענין פון טיטולאַטור אין פּוילן האָט, נאָך פאַרצייטנס, געקריגן אַ הומאָריסטישע נאָטע — דער שמש פון גערירכט האָט אויסגערופן: איידעלער האַר סטאַראַסטע, שטעל דיך צום געזעץ, האָט מען אים באַמערקט, אַז דער אויסגערופענער האָט נישט דעם טיטל: איידעלער, נאָר: געבוירענער; האָט דער שמש אויסגערופן: נישט־איידעלער אָבער געבוירענער האַר; האָט מען אים באַמערקט, אַז אייגנטלעך האָט דער אויסגערופענער נישט דעם טיטל: געבוירענער, נאָר פיל־מאַכטיקער האַר וכו׳ האָט דער שמש אויסגערופן: נישט־איידעלער און נישט־געבוירענער, אָבער פּילמאַכטיקער האַר, וכו׳. (מאַריאַ און וולאַדיסלאַוו

## חיים זעלצער
(מגדיאל)

## אַ קילער פרימאָרגן

אַ קילער פרימאָרגן אין ירושלים,
נאָר וואַרעם איז אויף דער נשמה;
כ׳גיי היינט צו גאַסט צום יידישן נשיא
אין זכות פון מיין יידישן נאָמען.

טרעף איך אַ יידן וואָס וואַרט לעבן טויער.
פרעגט ער ווי ס׳האַלט אויף מיין זייגער.
זאָג איך: וואָס שייך? די צייט איז קיין צייט נישט.
אַן אייביקייט — — — שמייכלט דער פרעגער.

״פון וואַנען אַ ייד איז? פון ליבעלאַנד — זאָגט ער —
און איר?״ — ״פון דער וועלט...״ — ווו, למשל?
— פון רויכלאַנד געקומען, פון יידישלאַנד בין איך —
אַ גאַסט דאָ אין זכות פון מיין לשון.

וואַרט מען. קומט אונטער אַ זקן — אַ דריטער.
אַ יידישער שרייבער — מסתמא;
אַ קילער פרימאָרגן אין ירושלים,
נאָר וואַרעם איז אויף דער נשמה.

פון וואַנען אַ ייד איז? פון לידערלאַנד — זאָגט ער —
און איר?״ — ״פון דער וועלט...״ — ווו, אַ שטייגער?
— פון דאָרטן, ווו אייביקייט האָט מען צעדרויבלט
און קליינצייט פאַרשפּאַרט אין אַ זייגער...

וואַרט מען. קומט אונטער אַ שליח — אַ פערטער.
— פון וואַנען? פון ווו?.. — פון באַלאַדע.
— אויכעט אַ גאַסט אינעם משכן צום נשיא?
שטראַלט ער: — ווי דען? און — אוודאי!

מיר זענען שוין זיבן... און זיבעציק זיבן
ביים טויער פון אחרית הימים — — —
אַ קילער פרימאָרגן אין ירושלים
און וואַרעם איז אויף דער נשמה.

טאַמקאָוויטש אין זייער בוך וועגן אַלטן פּוילישן אַנעקדאָט, 1973, ז״ז 126—127).

אָבער דאָ געפינען מיר זיך שוין אין תחום פון דער קריטיק און סאַטירע לגבי ייחוס, יוחסין, מיוחסים, וואָס האָט אַ באַזונדערע פּאַליע ביי אונדז, יידן, און מיר האָבן די זאַך שוין באַרירט אין באַזונדערע אַרבעטן — זע, מיין מאמר ״כתב יוחסין״ (אין מיין בוך ״יריד השעשועים״, 1964, ז״ז 20—23) און אין מיין מאמר ״צווישן ייחוס און קברות — צו דער ביאָגראַפיע פון אַ ווערטל״ (אין אַלמאַנאַך פון די יידישע שרייבער אין ישראל״, 1967, ז״ז 104—112). עס לאָזט זיך צו דעם אַלעמען נאָך היפּש צוגעבן, לעת־עתה ווילן מיר באַמערקן, אַז אַ קריטיק לגבי ייחוס און מיוחסים, בפרט די וואָס האָבן חוץ זייער הויכן אָפּשטאַם קיין שום אַנדערע מעלות, און אדרבא, זיי פאַרמאָגן נאָך חסרונות, איז אַן אַלטע. דערציילט נאָך די גמרא, אַז די רבנים האָבן געזאָגט צו רבי פרידא: רבי עזרא אַן אייניקל פון ר׳ אבטולס, וואָס איז אַ צענטער דור נאָך ר׳ אלעזר בן עזריה, וואָס איז געווען אַ צענטער דור פון עזרא שטייט ביי דער טיר, פאַרוואָס, איז ער אַ בר אוריין [=אַ לערנער, אַ תורה־קענער] — איז שיין, איז ער אַ בר־אבהן [פון לייטישן אָפּשטאַם] — איז אוודאי שיין; איז ער אַ בר־אבהן און נישט קיין בר־אוריין — זאָל אים דאָס פייער פרעסן (מנחות נ״ג ב׳). באַמערקט דערצו טוביה פּרעשל (״הצופה״, י׳ טבת תשל״ג), אַז לגבי דעם סיפור האָט מען געטייטשט, אַז בלויז ייחוס אבות איז גאָרנישט, און מען האָט עס געטייטשט לויטן פּסוק: ״הלך ילך ובכה נושא משך הזרע, בוא יבוא ברינה נושא אלומותיו״ (תהלים קכ״ו, ו׳), טייטש: גיין גייט און וויינט דער וואָס טראָגט דאָס געשיר מיט זאָמען; קומען קומט מיט געזאַנג דער וואָס טראָגט זיינע גאַרבן. משמע: וויינען דאַרף אַ מענטש, וואָס איז אַ המשך פון אַ זרע, אַן אייניקל פון גרויסע און גוטע לייט; פרייען דאַרף זיך בלויז אַ מענטש וואָס טראָגט זיינע אייגענע גאַרבן, און איז אַ ייחוס עצמו. אַזאַ מין דרוש ברענגט דער חיד״א אין זיין פירוש צו תהלים ״יוסף תהילות״, און זאָגט, אַז אַזוי האָבן מפרש געווען די ראשונים. דערצו באַמערקט טוביה פּרעשל, אַז אַזוי גייט טאַקע דער פירוש אין דריי ספרים, וואָס טראָגן אַ פאַרשידענעם כאַראַקטער, געשריבן געוואָרן אין פאַרשידענע לענדער, אָבער אין דער זעלבער תקופה — ר׳ עזריה מן־האדומים פון מאַנטואַ אין זיין ספר ״מאור עינים״; ר׳ ווידאַל הצרפתי פון פאַס, אין זיין פירוש צו תהלים; און ר׳ שלמה אפרים איש־לונטשיץ אין זיין ספר ״עוללות אפרים״. דער לעצטער שרייבט: ושמעתי אומרים שזהו שנאמר הלך ילך ובכה נושא משך הזרע, דהיינו: המושך היחס מצד זרעו ומשפחתו, אמנם בוא יבוא ברינה נושא אלומותיו על שכמו, דהיינו הנושא היחס מצד עצמו״. הייסט עס, אַז עס איז דער חילוק צווישן איינעם, וואָס ציט זיין יחוס פון זיין אָפּשטאַם און משפחה, און צווישן איינעם וואָס טראָגט דעם ייחוס אויף זיין אייגענער פּלייצע, בלויז פון זיך אַליין. און ער ברענגט דאָס, מוסרנדיק די, וואָס, לגבי שידוכים זענען זיי בודק בעיקר דעם ייחוס פון דער משפחה.

אוודאי האַלטן מיר נאָך ווייט פון אַן אָפּזאָג לגבי ייחוס, אָבער דער ייחוס אַליין סטאַרטשעט נישט מער, און מיר זענען נישט גרייט צו פאַרקויפן דעם יחוס פאַר געלט און — ווי זאָגט ר׳ בנימין הרופא: ״ייחוס אבותינו המתיחסים / לא נמכר בעושר ונכסים / כי הפרי יחליף שנה שנה / והשורש יעמד חי כאשר בראשושנה״ (״משא גיא חזיון״, ש״ך, י׳ ע״ב). טייטש: דעם ייחוס פון אונדזער מיוחסדיקע עלטערן איז נישט פאַרקויפט געוואָרן פאַר רייכטינג און פאַרמעגנס, ווייל די פּרוכט בייט זיך פון יאָר צו יאָר, און דער וואָרצל באַשטייט לעבעדיק ווי צומערשט. דער אידעאַל איז דער בר־אורין און בר?אבהן אין איין פאַרשוין, אָדער מליצהדיק געזאָגט: בצל החכמה בצל הכסף (קהלת, ז׳ י״ב), אָבער מיר דערנענטערן זיך אַלץ מער צו אַן אַנדערער צייט, און דערוועגן — וועלן מיר זיך, בשעת הכושר דורכשמועסן.

## ✡ אָנגעקומען אין רעדאַקציע ✡

**י. ב. אַלטערמאַן**: ״היימלאָזע״ — ד.פּ. — יידן אין דייטשלאַנד — דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן געשריבן אין די יאָרן באַלד נאָך דער מלחמה און באַלייכטן אַ ווייניק באַקאַנט קאַפּיטל פון לעבן פון דער שארית־הפליטה, באַלד נאָך דער באַפרייונג אין אייראָפּע. ערשטע אויסגאַבע — 1959. תל־אביב 1980, 198 זייטן.

**אפרים אוירבך** (אויערבאַך): ״בעקבות הגאולה״ — זכרונות וועגן קאָרפּוס פון די מוילאייזל־פּירערס אין גאַליפּאָלי אין וועלכן עס האָט געקעמפט בעתן ערשטן וועלטקריג דער מחבר, דער באַקאַנטער דיכטער און עסייאיסט (1892—1973). אפרים אויערבאַך האָט, כידוע, אַלע יאָרן געלעבט אין ניו־יאָרק ווו ער האָט זיך באַטייליקט אין דער יידישער פּרעסע מיט זיינע עסייען. זינט 1970 געלעבט אין תל־אביב. צום בוך קומט אַן אַריינפיר־וואָרט געשריבן פון ד״ר י״ח ביילעצקי, איבערזעצט פון יידיש — ישראל זמורה. פאַרלאַג דביר, ירושלים־תל־אביב תשכ״א, 214 ז.

**אדאָלף אברהם בערמאַן**: ״וואָס דער גורל האָט מיר באַשערט״ — מיט יידן אין וואַרשע, 1939—1942. ״אַן אויטענטישער ביישטייער צו דער מעמואַרן־ליטעראַטור פון דער אומקום־תקופה, אַ ביישטייער פון גרויסן ווערט. דער היסטאָריקער וועט זיך אין זיינע פאָרשונגען זיכער אָפט פאַרופן אויף אָט דעם עדות־בוך. אפילו ווען ער וועט וועלן דאָ און דאָרט אָוועקשטעלן די באַשריבענע פאַקטן אין אַנדערע פּראָפּאָרציעס״, — ווערט געזאָגט אינעם אַריינפיר־וואָרט וואָס שטעלט פאָר דעם מחבר וואָס איז געווען אַקטיוו באַטייליקט אין דער יידישער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט אין אָקופּירטן פּוילן. דאָס בוך נעמט אַרום די תקופה ביז דער גרויסער אויסזידלונג פון וואַרשעווער געטאָ אין 1942. דעם צווייטן טייל פון דעם בוך האָט דער מחבר שוין נישט באַוויזן צו שרייבן, (ער איז געשטאָרבן, כידוע, דעם 3טן מערץ 1978 אין עלטער פון 72 יאָר). ביכער־סעריע פון בית לוחמי הגיטאות. רעדאַקציע: צבי שנער און שלמה אבן־שושן. געבראַכט צום דרוק און אינדעקס: צבי אייזנמאַן.

**מאיר יעלין**: ״די מיראַזשן פון דעם אַמאָקלויפער אָסקאַר ברין״ — דאָס איז דאָס דריטע בוך פון מחבר, עולה פון ראַטנפאַרבאַנד, זינט זיין עליה מיט זיבן יאָר צוריק. געניי ווי די פריערדיקע ביכער איז אויך די דאָזיקע דערציילונג אויף דער טעמע געטאָ און שואה־תקופה. פאַרלאַג ח. לייוויק ביים פאַראיין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין ישראל. תל־אביב 1980, 190 זייטן.

פאַרלאַג הקיבוץ המאוחד תשמ״א, 1980, 328 ז.

**אברהם כ״ץ, יוסף כהן־צדק**: ״מאוצר הפולקלור היהודי״ — פאַרצייכענונגען וועגן היסטאָרישע און האַלב־לעגענדאַרישע געשטאַלטן, געשעענישן אין דער געשיכטע וועגן וועלכע עס דערציילט דאָס פאָלק און וועגן יידישע פאָלקסשאַפונגען אין מעשה, וויץ, פאָלקסליד. אינטערעסאַנטע און וויכטיקע זאַמלונג פון יידישן פאָלקלאָר פאַרן העברעיש־לייענער ביי וועמען עס וואַקסט דער אינטערעס צום לעבן און פאָלקלאָר פון שטעטל. פאַרלאַג אל״ף תל־אביב, 207 זייטן.

**בלומע לעמפּעל**: ״אַ רגע פון אמת״ — אַ קנאַפּע דרייסיק דערציילונגען. דאַכט זיך דאָס ערשטע בוך פון דער שרייבערין וואָס מאַכט אַ דרייסטן אַריינטריט אין אונדזער ליטעראַטור מיט רייפער, צייטיקער און היינטצייטיקער פּראָזע. פאַרלאַג י״ל פּרץ, ישראל, תל־אביב, תשמ״א — 1981. 253 זייטן.

**אריה פאַזי**: ״באַגינען״ — אין אַריינפיר שרייבט דער מחבר: ״אַ שריפט — פאַר וועמען? פאַר אייניקלעך אוראייניקלעך? וועלן זיי פון אָט דער פּרוכט וועלן און קענען געניסן? זייער קנאַפּ זענען מיינע האָפענונגען וועגן דעם: מיין לשון איז ניט זייער לשון, מיין געדאַנק איז ניט זייער געדאַנק. וואָס דען? שרייבן מוז מען דאָך, אפילו ווען עס זאָל גיין פאַר גניזה. ווער ווייסט, אפשר וועט עס מיט דער צייט — באחרית הימים — אַנטפּלעקט ווערן און קענען גענוצט ווערן פאַר פאַרשונג פון קדמוניות הימים...״. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ישראל, תל־אביב תשמ״א — 1981, 335 זייטן.

**ד״ר יצחק קאַנטער**: דאָס יידישע געמיט״ — פּסיכאָלאָגישע עסייען געשריבן אין משך פון פערציק יאָר דורכן מחבר, אַ דאָקטער וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פּסיכיאַטרע און נעבראָלאָגיע. געבוירן אין קאָלאָמיי, די מלחמה־יאָרן דורכגעמאַכט אין ראַטנפאַרבאַנד און נאָך דער מלחמה זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק ווו ער איז טעטיק סיי אַלס דאָקטער סיי אַלס עסייאיסט. דאָס בוך איז געטיילט אין פיר חלקים. אין ערשטן טייל רעדט זיך בעיקר וועגן יידישן כאַראַקטער און גורל, די אַנדערע טיילן זענען וועגן: פאַלשע משיחים ביי יידן, דער חורבן פון 35—1939, און עסייען, רעצענזיעס און אַרטיקלען. שער געצייכנט פון סקולפּטאָר חיים גראָס, ניו־יאָרק 1980, 457 ז.

**שלמה שוואַרץ**: ״בראַנדזענער מבול״ — זאַמלונג לידער מיט די ווייטערדיקע ר ,ק.טזווי.ןו גרו עשאַפאָט פון חשבון און סך־הכל, אין דער געזאַלבטן גן־עדן, געהויקערטער אומעט, אין כמורנעם ווונדער, קאַלענדאַרישער זכרון, אין מלכות פון דיין שטערנשטיבל. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ישראל, תל־אביב, תשמ״א, 1981, 156 ז.

**חנה שליט**: ״אין שטענדיקן צאַפּל״ — לידער. ערשטלינג־בוך פון דער דיכטערין וואָס לעבט אין פּאַריז, אָבער איז געבוירן אין לאַסקאַרזשעוו, פּוילן. פּאָרטרעט פון דער דיכטערין: י. ראַטבוים. פאַרלאַג ״ישראל־בוך״, תל־אביב, תשמ״א — 1980, 157 זייטן.

**ישעיהו שפּיגל**: ״געשטאַלטן און פּראָפילן״ — ליטעראַרישע עסייען — צווייט בוך: יעקב גלאַטשטיין אין געדענקשאַפט. די זאַמלונג הייבט זיך טאַקע אָן מיט עסייען וועגן יעקב גלאַטשטיין. ״דאָס בוך נעמט־אַרום די בעלי־יצירה, וואָס זענען מער נישט מיט אונדז״ — זאָגט דער מחבר און גיט צו אַז די עסייען ״זענען געשריבן אין אַ גורלדיקער צייט פאַר דער יצירה פון יידיש־לשון״. פּאָרטרעט פון מחבר געצייכנט דורך בען. פאַרלאַג ״ישראל־בוך״ תל־אביב, תשמ״א — 1980, 150 זייטן.

## אומבאַקאַנטער בריוו פון יוסף טרומפּעלדאָר — מתנה פון אַ נייעם עולה

יוסף צינמאַן איז אַ נייער עולה וואָס איז נישט לאַנג צוריק געקומען פון ראַטנפאַרבאַנד און ביי דער ערשטער געלעגנהייט איבערגעגעבן אין האַנט פון מדינה־פּרעזידענט יצחק נבון אַ זעלטענע מתנה: אַ בילד וואָס יוסף טרומפּעלדאָר האָט זיינער צייט געגעבן זיין פאָטער און אַ בריוו וואָס טרומפּעלדאָר האָט געשריבן צו זיין פאָטער אין יאָר 1912, אַ בריוו וואָס ענדיקט זיך מיט די ווערטער: ״להתראות בארץ־ישראל״.

דער מדינה־פּרעזידענט איז געווען טיף גערירט פון אָט דעם דאָקומענט וואָס אַ ייד האָט אַזוי לאַנג אויפגעהיטן אין רוסלאַנד און ער האָט געבעטן דעם אָריגינאַל איבערצוגעבן אין צענטראַלן ציוניסטישן אַרכיוו ווו דער בריוו וועט זיך געפינען אין אַ ״גוטער געזעלשאַפט״ — צוזאַמען מיט די בריוו און אַנדערע דאָקומענטן פון בן־גוריון, אוסישקין, ווייצמאַן און בערל קאַצענעלסאָן.

אגב, איז אין ישראל לעצטנס אָפּגעמערקט געוואָרן דאָס הונדערטסטע געבוירן־יאָר פון גרינדער פון ״החלוץ״ און פאַרטיידיקער פון תל־חי, יוסף טרומפּעלדאָר.